בס"ד

ויחי תשפ"ד
גליון 171

# דעם רבינ'ס ליכט

## דער ריינער קוואל



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך געטאן (שיהר"ן ר"ט)

## די עֵצָה פַאר די גְאוּלָה

אין די וואכעדיגע סדרה פרשת ויחי איז דא באהאלטן געוואלדיגע סודות אזוי ווי רש"י הקדוש ברענגט אויפן פלאץ. לָמָּה פָּרָשָׁה זוֹ סְתוּמָה? (סתומה מיינט, אז אין די תורה איז דא רֶוַח צווישן איין פרשה און די צווייטע, אבער צווישן פרשת ויגש און ויחי איז נישט דא קיין ליידיגע פלאץ, נאר ס'הייבט זיך גלייך אן ויחי) זאגט רש"י הקדוש אז יעקב אבינו עליו השלום האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ הגאולה פאר זיינע קינדער און ס'האט זיך פארהוילן פון אים.

רבי נתן (הלכות פו"ר ה') ברענגט א זהר הקדוש אויף דעם פסוק און זאגט, אז יעקב אבינו האט באהאלטן דער סוד אין דער פסוק "וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶת בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא לָכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים". אין הלכות תענית איז רבי נתן מסביר אויפן פסוק "הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם" אז יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ און עס איז פארהוילן געווארן פון אים, ווייל דער עיקר קץ הגאולה איז תלוי ווען א איד האט א 'גאנצע עצה' אין יעדע זאך, וואס דאס וועט נתגלה ווערן דורך דעם מלך המשיח וועלכער ווערט אנגערופן "פֶּלֶא יוֹעֵץ". משיח וועט געבן אזעלכע גוטע עצות וואס וועט זיין גאר טיפע און שטארקע עצות וויאזוי צו קענען דינען דעם באשעפער אז מען וועט דאס נישט קענען אפווענדן, דערפאר ווערט די גאולה אנגערופן "קֵץ הַפְּלָאוֹת" ווייל אין דער צייט פון דער גאולה ווערט נתגלה ווערן אט די וואונדערליכע און טיפע עצות.

יעקב אבינו האט שוין אויך געוואלט מגלה זיין די עצות פאר זיינע קינדער כדי צו מקרב זיין די גאולה, אבער די שכינה האט זיך אפגעטון פון אים, ווייל עס איז נאך געווען פאר'ן באקומען די הייליגע תורה וואס פון דער תורה ווערט נמשך די אלע געוואלדיגע עצות. דערפאר האט יעקב געזאגט "הִקָּבְצוּ", ער האט מגלה געווען פאר זיינע קינדער אז היינט איז די הויפט עצה "הִקָּבְצוּ" מען זאל זיין אינאיינעם בשלום און עס זאל אחדות און ליבשאפט צווישן אידישע קינדער, מען זאל זיך צאמנעמען צו רעדן איינער מיטן צווייטן פונעם אמת'ן תכלית און אזוי ארום וועט

המשך אויף קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁלֵימוּת הָעֵצוֹת. מֶען זֶעט טַאקֶע אַז וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט צאמְגֶענוּמֶען דִי צְוֶועלֶעף שְׁטֵיינֶער אִיז עֶס גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטֵיין, דָאס אִיז דֶער 'אֶבֶן שְׁתִיָּה' וָואס פוּן דָארְט קוּמֶען אַלֶע עֵצוֹת, מִיר טְרֶעפְן אַזַא עֶנְלִיכֶע זַאךְ אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען אַלֶע עֵצוֹת בַּיי דִי צְוֶועלֶעף שְׁטֵיינֶער פוּנֶעם חֹשֶׁן וָואס דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גֶעטְרָאגְן, זֶעט מֶען אוֹיךְ אַז וֶוען אַלֶע שְׁבָטִים - אַלֶע אִידְן זֶענֶען אֵיינְס דֶעמָאלְטְס אִיז דָא אַ קְלָארְקֵייט אוּן אַ שְׁלֵימוּת הָעֵצָה.

כְּדֵי צוּבַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְף זַיין אַחְדוּת צְווִישְׁן אִידְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שיחה צ"א) אַז אוֹיב אַ אִיד וִויל זַיין אַ מַתְמִיד אוּן קֶענֶען לֶערְנֶען, זָאל עֶר נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קֵיין שׁוּם אִידִישׁ קִינְד, ווייל יֶעדֶער אִיד הָאט אַן אוֹת אִין דֶער תּוֹרָה, דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אוֹתִיּוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט נְשָׁמוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז "יִשְׂרָאֵל" אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת "יֵשׁ שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת לְתוֹרָה", אוּן אוֹיב מֶען זֶעט אַ חִסָּרוֹן אִין אַ אִיד אִיז דָא אַ חִסָּרוֹן אִין דֶער תּוֹרָה, קֶען מֶען נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת. אוֹיבּ אָבֶּער מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְנְט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן נִישְׁט טְרֶעפְן אִין אִים אַ חִסָּרוֹן, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען דִי תּוֹרָה אִיז גַאנְץ אָן אַ פֶעלֶער וֶועט עֶר זִיכֶער לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן אִיר לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

זֶעט מֶען אוֹיךְ פוּן דֶעם שִׂיחָה אַז דוּרְךְ אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל וֶועט מֶען זַיין מְקֻשָּׁר צוּ דֶער תּוֹרָה אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען טְרֶעפְן אַלֶע עֵצוֹת פַאר אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אוּן עֶס וֶועט פַארְרָאכְטְן וֶוערְן דוּרְךְ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה פוּן "הִקָּבְצוּ".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לֶעכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת נָאר וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען שׁוֹין מוּזְן פָּאלְגְן דִי עֵצוֹת, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג דָאס צוּ זֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן. אָמֵן.

**הר"ר יעקב בעריש ווייס הי"ו**
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

**הר"ר ישראל נחמן אנשין הי"ו לע"נ**
**אמו מרת פראדל בת ר' יעקב זאב ע"ה**
**יארצייט י"ח טבת**

**הר"ר בנימין אנשין הי"ו**
**לרגל אירוסין של בנו**
**החתן שמעון נ"י למזל טוב**

# איין אשה'לע



## אַ בִנְיָן פון הונְדֶערְט און צְוָואנְצִיג שְׁטָאק

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָּארְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מַיין קְלֵיינֶער בְּרוּדֶער אִין אוּמַאן. אַזוֹי וִוי מִיר פָּארְן דָאךְ צוּ אַזַא רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע תִּיקוּן, נָאר מִיט דֶעם פַארְלַאנְג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט אַ פְּרוּטָה, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זִיךְ אָפְּהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, בִּפְרָט אַז מֶען פָּארְט אַזֶעלְכֶע לַאנְגֶע נְסִיעוֹת אוּן מֶען דַארְף גֵיין אִין עֶירְפָּארְט [לוּפְט-פֶעלְד], אוּן יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דִי גוֹי'שֶׁע חַגָּאוֹת וֶוען דִי גוֹיִם בַּאצִירְן זֵייעֶרֶע שְׁטִיבֶּער אוּן אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן מִיט לֶעקְטֶערְס אוּן זֵיי שִׁיכּוֹרְ'ן זִיךְ אָן אד.ג.

פַארְן אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים, זִיצְנְדִיג אִין בָּאס צֶעקְוֶועטְשְׁט צְוִוישְׁן דִי עֲרֵלִים, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעטוּן מַיינֶע בְּרִילְן אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל שִׂיחַת הָרַ"ן, אִיךְ זָאל קֶענֶען אַוֶועקְפְלִיעֶן אִין מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן דֶעם אָרְט וואוּ אִיךְ גֶעפִין זִיךְ, רוּפְט זִיךְ אָן מַיין קְלֵיינֶער בְּרוּדֶער: "אָשֵׁר, אוֹיבּ דִי וִוילְסְט הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, בֶּעט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ אָפְּהִיטְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן", אוּן מַיין בְּרוּדֶער אִיז מַמְשִׁיךְ: "אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ קוּק אוֹיף נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע נַארִישֶׁע גוֹיִם".

אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ טְרֵייסְל, אַז מַיין קְלֵיין בְּרוּדֶער דַארְף מִיר דֶערְמַאנֶען דִי פָּשׁוּטֶ'ע גְרִינְגֶע עֵצָה, דִי עֶרְשְׁטֶע טְרִיט אַרַיין פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אוּן נִסָּיוֹן אִיז דָאךְ "תְּפִלָּה, תְּפִלָּה", יָא, דָאס אִיז דִי עֵצָה. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע בַּאלְד אַ תְּפִלָּה גֶעטוּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶס אִיז מִיר טַאקֶע גֶעוָוארְן אַסַאךְ גְרִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעצִינְדְן שֵׁיינֶע מוּזִיק אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן דָאס הָאט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אוּן פְרִישׁ בַּאקוּמֶען כּסוּפִין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אַז דִי גַאנְצֶע זִיצְן אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן מִיט אַלֶע גוֹיִם אַרוּם הָאט מִיר גָארְנִישְׁט בַּאנוּמֶען, גָאר פַארְקֶערְט אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַן אָפְּן הַארְץ אוּן מוֹיל.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן וָואס בַּאגְלֵייט אוּנְז אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן זַיין צִיּוּן.

אשר.

טַייעֶרֶער אָשֵׁר, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן אַרַיינְרוּפְן אִין רֶבִּי'נְס לִיכְט צוּ פַארְצֵיילְן דַיין נְסִיעָה, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע הֲכָנָה צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואכְן וֶוען עֶס הֵייבְּן זִיךְ אָן פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִים, דִי פָּרָשִׁיּוֹת פוּן שְׁמוֹת, וָאֵרָא בֹּא, בְּשַׁלַּח, יִתְרוֹ, מִשְׁפָּטִים אוּן דָאס יָאר וִוייַבַּאלְד עֶס אִיז אַן עִבּוּר-יָאר קוּמְט צוּ נָאךְ צְוֵויי וָואכְן, ת"ת, תְּרוּמָה תְּצַוֶּה. דִי וָואכְן זֶענֶען זֵייעֶר מְסוּגָל

צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע עִנְיָנִים פוּן קְדוּשָׁה וָואס מֶען הָאט צוּ פַארְרֶעכְטְן.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אִין דִי טֶעג, בִּפְרָט בַּיי חֲסִידִים הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ שְׁטַארְקְן עֵסֶק פוּן שׁוֹבְבִים, אִין דִי יְשִׁיבוֹת מַאכְט מֶען שָׁעוֹת רְצוּפוֹת, וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיס בַּיים לֶערְנֶען, עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס זֶענֶען אוֹיף לֵיל שִׁישִׁי, ווִידֶער אִיז דָא, אוֹיךְ בַּיי בְּרֶעסְלֶעבֶ'ע חֲסִידִים וָואס מֶען עֶסְט נִישְׁט אֵיין טָאג אִין דֶער וָואךְ קַיין שׁוּם עֶסְן וָואס קוּמְט פוּן אַ בַּעַל-חַי, עֶס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר בַּאוואוּסְט בִּפְרָט אִין חוּץ לָאָרֶץ אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶ'ער רֶבִּי זי"ע דֶער בַּעַל וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה פְלֶעגְט אִין דִי וָואכְן זֵייעֶר וֵויינֶען בַּיי דִי שָׁלֹשׁ-סְעוּדוֹת תּוֹרָה אוּן בִּיז הַיינְט צִינְד מֶען אָן אִין דִי חֲדָרִים אוּן יְשִׁיבוֹת דִי דְרָשׁוֹת אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת.



מִיר בְּרֶעסְלֶעבֶ'ע חֲסִידִים פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן אַ גַאנְץ יָאר דֶעם פְלִיכְט נִישְׁט נָאר שׁוֹבְבִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל כְּסֵדֶר בֶּעטְן אוּן אַרְבֶּעטְן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן הֵיילִיג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווֶען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ אִינְגְל אִין כִּתָּה ב' הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט זַיין מֹחַ אוּן הַארְץ אוּן אוֹיגְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּאזִיגְט דֶעם יֵצֶר הָרַע נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַזוֹי אַזוֹי אִינְג וַוי זֶעקְס יָאר!! דוּ פַארְשְׁטֵייסְט דָאס?? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְן יֵצֶר הָרַע: "אִיךְ גֶעבּ דִיר אַלֶע מַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער מַיינֶע אוֹיגְן אוּן הַארְץ וֶועסְטוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען", דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁטִיק צַייט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף תַּאֲווֹת אֲכִילָה אָדֶער אַנְדֶערֶע מִדּוֹת, נָאר זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן גֶעגָאסְן תְּפִלּוֹת צוּם בַּאשֶׁעפֶער זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן מִיט דֶעם עִנְיָן פוּן קְדוּשָׁה, צוּ זַיין אַ אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִינְגְל, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ אוּן הַארְץ, נִישְׁט קוּקְן אוּן טְרַאכְטְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ.

פַארְוָואס הָאט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעטוּן? לָאמִיר עֶס גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל. אַ גְרוֹיסֶע בִּיזְנֶעסְמַאן מִיר וֶועלְן אִים רוּפְן בָּארִיס, עֶר הָאט גֶעוָואלְט בּוֹיעֶן פַאר זַיין גֶעלוּנְגֶענֶעם בִּיזְנֶעס אַ שֵׁיינֶעם גְרוֹיסְן בִּנְיָן פוּן הוּנְדֶערְט שְׁטָאק, בָּארִיס הָאט גֶענוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע אִינְזְשִׁינֶערְן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן צוּ אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַזֶעלְכֶע פְּרָאיֶעקְטְן אוֹיף דִי בֶּעסְטֶע אוּן זִיכֶערְסְטֶע וֶועג, אַז דֶער בִּנְיָן זָאל זִיךְ הַאלְטְן פַאר הוּנְדֶערְטֶער יָארְן אוּן קֶענֶען בַּייִשְׁטֵיין אַלֶע ווִינְטְן אוּן רוּחוֹת וָואס קֶען נָאר אָנְקוּמֶען.

ווֶען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן דִי פְּלֶענֶער בַּאווִיזְן אַז מֶען גֵייט בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן מִיט נָאךְ צְוָואנְצִיג שְׁטָאק, אוּן דִי פְּרַייז הָאט זִיךְ גֶעהוֹיבְּן מִיט נָאךְ אַ צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג מִילְיָאן דָאלַלאר, קְלֵיין גֶעלְט פַאר אוּנְזֶער בָּארִיס, אָבֶּער פָּארְט אִיז עֶס הִיבְּשׁ אַ פֶּעטֶע מַטְבֵּעַ. בָּארִיס וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן קְלַאפְּט אוֹיפְן טִישׁ: "וָואס אִיז גֶעשֶׁען? אִיךְ הָאבּ מִיט אַייךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַ פְּרַייז, מִיר זֶענֶען אַדוּרךְ אַלֶע דֶעטַאלְן אוּן פְּרָטִים, וָואס לֵייגְן עֶנְק צוּ פְרִישֶׁע שְׁטָאקְן אוּן

בְּרָאקְן מִיר אַרוֹיס אַזֶעלְכֶע סוּמֶעס פוּן גֶעלְט, עֶנְק ווִילְן מַאכְן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף מַיין חֶשְׁבּוֹן, אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים דֶערוֹיף??".

דִי חֶבְרָה בַּארוּאִיגְן דֶעם בָּארִיס מִיט אַ גְלָאז קַאוֶוע אוּן אַ שְׁטִיקְל שָׁאקָאלַאד. "בָּארִיס, דוּ מוּזְט פַּארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ דִי ווִילְסְט דֶער בִּנְיָן זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין מִיט אִיר פְּרַאכְט אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז דִי שְׁטוּרְמִישֶׁע ווִינְטְן זָאל אִיר נִישְׁט קֶענֶען בֵּייגְן, מוּז מֶען מַאכְן אַ יְסוֹד אַ פוּנְדַאמֶענְט, טִיף טִיף בִּיזְן גְרוּנְד דֶערִיבֶּער הָאבְּן מִיר צוּגֶעלֵייגְט דִי צְוָואנְצִיג שְׁטָאק וָואס וֶועט וֶוערְן גֶעבּוֹיט אוּן בַּאגָאסְן מִיט טוֹיזְנְטֶער טָאנֶען פוּן צֶעמֶענְט. אַז דֶער יְסוֹד וֶועט זַיין שְׁטַארְק, וֶועט מֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל קֶענֶען אַרוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן דֶער בִּנְיָן וֶועט זַיין עֶפֶּעס וָואס דִי וֶועלְט הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶען אַזוֹינְס.

דָאס אִיז דִי סִבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת אִין דֶער יְסוֹד וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ דִי אוֹיגְן זֶענֶען גֶעזוּנְט בְּרוּחָנִיּוּת, דִי הַארְץ גְלוּסְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דִי מֹחַ אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְרֶעמְדֶע אוּן אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִי הֶענְטֶעלֶעךְ נוּצְט מֶען אוֹיף הֵיילִיגֶע אוּן רִיכְטִיגֶע זַאכְן דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַ שְׁטַארְקְן פוּנְדַאמֶענְט, אוּן מִיר קֶענֶען זִיךְ נֶעמֶען בּוֹיעֶן אוּן צוּלֵייגְן שְׁטָאק נָאךְ שְׁטָאק בִּיז דִי הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועלְן מִיר קֶענֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן שֶׁענֶער, אַלֶע שֵׁיינֶע מִדּוֹת אוּן לִמּוּדִים וָואס מִיר וֶועלְן לֶערְנֶען וֶועט נָאר צוּגֶעבְּן צוּם אוּנְזֶער שֵׁיינֶעם בִּנְיָן.

דָאס צוּבַּאקוּמֶען לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַז דִי עֵצָה אִיז 'בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן'. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִינְגְל, אִיךְ ווִיל הָאבְּן גוּטֶע אֵיידֶעלֶע חֲבֵרִים, אִיךְ ווִיל קֶענֶען זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט ווִי יוֹסֵף הַצַּדִּיק אוּן הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם בַּעַל דָּבָר וֶוען עֶר קוּמְט מִיט זַיין גֶעשְׁלִיפְן צִינְגְל זִיךְ רֵייצְן מִיט מִיר ווִי אַ אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְטֶער הוּנְט, עֶר ווִיל מִיר נָאר אוֹיפְוַוייזְן אַז סַיי ווִי בִּין אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַזַא אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִינְגְל אִיז לָאז זִיךְ שׁוֹין וואוֹילְגֵיין".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז שׁוֹין גֶעלֶערְנְט וָואסְפַארַא טַעַם עֶס הָאט דִי תַּאֲווֹת פוּן דִי וֶועלְט, יֶעדֶע נִסָּיוֹן וָואס מֶען פַאלְט אַדוּרְךְ בַּאקוּמְט מֶען אַ בִּזָּיוֹן, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען לוֹיפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען שְׁרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים, וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט אוּן בַּאשִׁיצְט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט. יָא, מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּנֶעם בַּעַל דָּבָר עֶר הָאט טַאקֶע אַ פָּנִים פוּן אַ כֶּלֶב וָואס בִּילְט מִיט חֻצְפָּה, מִיר דַארְפְן אוֹיךְ נֶעמֶען דִי עַזּוּת אוּן קוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן אַלֶע סָארְטְן טְעָנוֹת אוּן מֵעֲנוֹת אוּן פַארְלַאנְגֶען עֶר זָאל אוּנְז דֶערְפְרֵייעֶן דָאס הַארְץ, שַׁבְּעֵנוּ מִטּוּבְךָ, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ כֻּלּוֹ טוֹב, וֶועט עֶר אוּנְז בַּאגִיסְן פוּן זַיין גוּטְס, אַז מִיר וֶועלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גוּטֶע אוּן פְרוּמֶע אִידְן ווִי מֶען דַארְף צוּ זַיין. בִּפְרָט אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע מַתָּנָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אַשְׁרֵינוּ.

אִין אֵיין וָוארְט: אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִים וֶועלְן מִיר מֶערְן תְּפִלָּה, אֲפִילוּ גַאנְץ קְלֵיינֶע תְּפִלּוֹת, ווִי: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מַיינֶע אוֹיגְן, מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען, מַיין הַארְץ, מַיינֶע גֶעפִילְן, אִיךְ זָאל וֶועלְן נָאר דִיר גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער".

# בײַ אונז טוען 'אלע' אותיות לײַכטן און שײַנען!

*מיטן אנטפלעקונג פונעם 'ספר המידות' וואס דער ערשטער טייל פונעם ספר איז פארפאסט געווארן דורכן הייליגן רבי'ן נאך אלץ קינד. פאר פילע יארן איז דער ספר געווען באהאלטן ביים רבי'ן און אט אזוי האט זיך די געשיכטע אפגעשפילט:*

צווישן דעם רבי'נס גרויסע תלמידים האט זיך געציילט, רבי דוב חיה'לעס, דער רב פון לאדיזשין. איינמאל, אריינגייענדיג צום רבי'ן האט ער פארציילט דעם רבי'ן, דעם פאלגענדן געשיכטע, וואס ער האט געפונען נישטערנדיג צווישן אלטע ספרים:

אין א געוויסע שטאט האט געוואוינט א איד א גרויסער תלמיד חכם, וועלכער האט פארמאגט אונטער זיך א ישיבה ווי עס האבן געלערנט די גרעסטע לומדים פונעם גאנצן אומגעגענט. דער ראש ישיבה האט פארמאגט א גאר געלונגענעם טאכטער, און ווען זי איז געקומען אין די יארן, האט ער אויסגעקליבן פאר איר דעם בעסטן בחור פון ישיבה, וואס האט אויך פארמאגט גאר א חשוב'ן יחוס.

נאכן חתונה האט זיך דער יונגערמאן געגצליך איבערגעגעבן פאר תורה און עבודת השם, ווען זיין שווער שטייט אין דער זייט און שעפט נחת פון זיין 'טשאטשקע', און מאכט זיכער אז ער פארמאגט אלע באדערפענישן צום לעבן.

דער פרישער יונגערמאן איז אנגעאנגען מיט זיין עבודה, ווען אין א שיינעם טאג האט זיך אנטפלעקט צו אים א 'מגיד' פון הימל, און האט אנגעהויבן לערנען מיט אים יעדעס נאכט, און אים מגלה געווען פילע סודות התורה.

דער יונגערמאן, זייענדיג איבערגענומען פון זיין געוואלדיגע זכיה, האט זיך נאכמער צוגעפלייסט אין תורה, און אין דער זעלבער צייט אפגעהאלטן דעם געשיכטע מיטן מגיד אלץ א סוד, און האט קיינעם נישט אנטפלעקט דערוועגן.

נאכט נאך נאכט איז דאס אנגעאנגען, ווען יעדעס נאכט כחצות הלילה, טוט זיך דער מגיד צו אים אנטפלעקן, ווי זיי לערנען אינאיינעם ביז צו די פארטאג שעה'ן, ווען די זון טוט צוביסלעך אויפשיינען אויפן האריזאנט...

אבער איין זאך איז נישט געווען באקאנט פארן יונגערמאן: אט דער מגיד איז געווען פונעם צד הטומאה. וויבאלד ער איז איינמאל נכשל געווארן מיט א קליינע עבירה, האט מען אזוי צוגעלאזט פון הימל אים צו פארנארן מיטן אזוי-גערופענעם מגיד.

אין איינס פון די נעכט האט זיך דער מגיד געוואנדן צו אים און אים אנגעהויבן איבערדעדן אז ער זאל גיין און עובר זיין אויף א גאר הארבע עבירה. דער יונגערמאן איז אויפגעשווידערט געווארן הערנדיג די ווערטער ארויסקומען פונעם מגיד'ס מויל, אבער דער מגיד קוקט אים בלויז אריין אין געזיכט און זאגט אים מיט א ווייכער טאן: "אויב וועסטו צוהערן צו מיינע רייד, וועסטו מקרב זיין די גאולה..."

דער יונגערמאן טראכט צו זיך אין פארלעגנהייט וויאזוי קען איך דען עובר זיין אויף אזא שרעקליכע עבירה במזיד?

אבער דער מגיד זעצט פאר צו רעדן צו אים, איבערצייגנדיג, אז דורכ'ן מקיים זיין זיינע רייד וועט ער האבן א חלק אינעם גאולה, און עס איז

כדאי צו פאלגן די ווערטער פון א מגיד, ער זעהט דאך מער ווי די בלויזע פליישיגע אויגן זעען...

מיט צעטומלטע מחשבות האט אים דער מגיד איבערגעלאזט יענעם נאכט, און זעענדיג אז ער קען זיך נישט מיישב זיין וואס איז זיין אמת'ער פליכט, האט ער באשלאסן צו פארציילן פאר זיין ווייב איבער די ווערטער- אויסטויש וואס ער האט אפגעהאלטן מיטן מגיד.

די פרוי וועלכע איז ווארשיינליך געווען א גרויסע יראת שמים, איז אויפגעשוידערט געווארן הערנדיג די געשיכטע פון איר גרויסן מאן, אבער איז אין דער זעלבער צייט געווען צעמישט וויבאלד דאס איז דאך ווארשיינליך א קלארע הוראה גלייך פון הימל. און איר פארלעגנהייט האט זי באשלאסן אנצופרעגן ביי איר גרויסן טאטען.

דער גרויסער צדיק, וואס איז אויך דערציטערט געווארן הערנדיג די דעטאלן פונעם מעשה, האט מיט פארזיכטיגקייט איבערגעקלערט די דעטאלן פונעם געשיכטע, און געקומען צו די מסקנא אז דער מגיד איז ווארשיינליך פונעם צד הטומאה! די כוחות הטמאים האבן נישט געקענט צוקוקן צו די מורא'דיגע עבודה פונעם יונגערמאן, און האבן אים ווארשיינליך ארייגעפירט אין א ביטערן פאסטקע.

דער שווער האט באשלאסן אז ער מוז נעמען זאפארטיגע שריט צו ראטעווען זיין איידעם. ער האט צוגערופן דעם איידעם אין א זייט, און אים געזאגט מיט גרויס ווייטאג, "לויט מיין מיינונג איז דער מגיד פונעם צד הטומאה".

"פון וואו וועל איך זיין איבערצייגט אז עס איז טאקע אזוי? דער שווער זאגט?", האט דער איידעם געפרעגט פארצווייפלט.

"אויפן שטערן פון יעדן מלאך איז פארהאן אלע אותיות פונעם אל"ף בי"ת", האט דער שווער ערקלערט פאר'ן איידעם. די אותיות פונעם הייליגן נאמען פונעם אויבערשטן טוען לייכטן און שיינען ביי א הייליגע מלאך. ווידער ביי א מלאך פונעם צד הטומאה זענען די אותיות פארשווארצט.

דערפאר, ביים קומענדיגן געלעגנהייט וואס דער מגיד וועט זיך צו דיר אנטפלעקן זאלסטו גוט באטראכטן זיין שטערן, און אויב די אותיות זענען פארשווארצט זאלסטו זיך גלייך אפטשעפן פון אים". און אלץ א שמירה האט אים דער שווער איבערגעגעבן פארשידענע קמיעות מיט וועלכע ער וועט זיך קענען ראטעווען.

די נאכט איז צוגעפאלן, און אונטער גרויס פחד האט זיך דער איידעם געגרייט אויף זיין אויספיר-מיסיע פונעם היינטיגן נאכט. נאך געציילטע מינוטן האט זיך דער מגיד אנטפלעקט צו אים, און אין עטליכע סעקונדעס האט דער איידעם באמערקט ווי די הייליגע אותיות זענען גענצליך פארשווארצט. אוי וויי! ער איז אריינגענארט געווארן. גלייך האט ער געטוהן ווי זיין שווער האט אים געהייסן, און זינט דאן האט זיך יענער מגיד קיינמאל מער נישט באוויזן...

ווען רבי דוב חיה'לעס האט פארענדיגט דערציילן די געשיכטע פארן רבי'ן, האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט אויף זיינע צוויי פיס און געזאגט "אבער ביי אונז טוען 'אלע' אותיות לייכטן און שיינען!".

דאן האט דער רבי פארציילט איבער זיין הייליגן ספר וועלכע איז געשריבן געווארן מיט זיין כתב-יד, מיטן נאמען "ספר המידות - ספר האל"ף בי"ת", און דעמאלטס האט דער רבי אנגעהויבן צום ערשטן מאל אויסדרוקן זיין ווילן אז דער ספר זאל פארשפרייט ווערן אויפן וועלט.

קוּם װעל אִיךְ דִיר װײַזְן – הָאט עֶר אִים גֶעװִיזְן – װִי אַרוּם דֶעם 'בַּארְג' – שְׁטֵייעֶן אֲלָפִים וּרְבָבוֹת [טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער־טוֹיזְנְטֶער] 'שׂוֹנְאִים' – און זֵיי מַאכְן 'סְעוּדוֹת' – און זֶענֶען 'פְרֵיילֶעךְ' – און 'כְּלֵי־זֶמֶר' שְׁפִּילְן – און זֵיי 'טַאנְצְן'.

און דִי 'שִׂמְחָה' אִיז: װָאס אַ 'כִּיתָּה' [גְרוּפֶּע] פוּן זֵיי – טְרַאכְט אֵיינֶער אוֹיס, און פַאלְט אוֹיף אַ 'חָכְמָה', װִיאַזוֹי מֶען זָאל אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם 'בַּארְג' – אַזוֹי [דַאן] מַאכְן זֵיי אַ גְרוֹיסֶע 'שִׂמְחָה', און אַ 'סְעוּדָה', און מֶען 'שְׁפִּילְט', און מֶען 'טַאנְצְט'.

און אַזוֹי [טוּט] אִיטְלֶעכֶע 'כִּיתָּה' (דְהַיְינוּ: אַ טֵייל [גְרוּפֶּע]) פוּן זֵיי!

נָאר דָאס [זֶעלְבְּן] 'בְּלֶעטְל' פוּן דִי 'נִימוּסִים' װָאס סְ'אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין – אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין!

און אוֹיף דֶעם 'שְׁפִּיץ בַּארְג', אִיז [גֶעװֶוען] אַ 'טַאבְּלִיצֶע' [טָאװֶעל פוּן הָאלְץ] – און דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: [װֶועגְן] דִי 'נִימוּסִים' פוּן דֶעם 'בְּלֶעטְל' װָאס סֶע [סְ'אִיז] מֵגִין אוֹיף אִים – פוּן אַ װָאסֶערֶע 'אוּמָּה' סְ'אִיז.

נָאר מַחֲמַת [װײַל] דֶער 'בַּארְג' אִיז הוֹיךְ – קֶען מֶען נִישְׁט לֵיינֶען דָאס 'כְּתָב'.

נָאר אוּנְטְן אִיז גֶעװֶוען אַ 'טַאבְּלִיצֶע' – אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: "אַז װֶוער סְ'הָאט אַלֶע 'צֵיין' – דֶער קֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם 'בַּארְג'"!

הָאט הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ גֶעגֶעבְּן [גֶעמַאכְט] – אַז סְ'וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אַ 'גְרָאז', דָארְט װוּ מֶען בַּאדַארְף אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיף דֶעם 'בַּארְג' – אַז װֶוער סְ'קוּמְט אַהִין, פַאלְן אִים אַרוֹיס אַלֶע 'צֵיין' – סַיי עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען 'צוּפוּס', סַיי עֶר הָאט גֶערִיטְן, סַיי עֶר אִיז 'גֶעפָארְן' אִין אַ 'װָאגְן מִיט בְּהֵמוֹת' – זֶענֶען אַלְץ אַלֶע 'צֵיין' אַרוֹיסְגֶעפַאלְן.

זֶענֶען דָארְט גֶעלֶעגְן, הוֹיפְנְװֵייז [אַסַאךְ הוֹיפְנְס] מִיט 'צֵיין', אַזוֹי־װִי 'בֶּערְג'!

דֶערְנָאךְ הָאבְּן דִי [אוֹיבֶּערְמַאנְטֶע] 'מֶענְטְשְׁן' פוּן דֶעם 'דוּמִיט' – גֶענוּמֶען דֶעם 'פַּאטְרֶעט' – און הָאבְּן אִים װִידֶער צוּם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט [צוּנוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט] אַזוֹי־װִי פְרִיעֶר – און דִי 'קְרוֹין' הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען, און הָאבְּן [דָאס] אָפְּגֶעװַואשְׁן – און הָאבְּן װִידֶער אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט.

הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אוֹיפְגֶעכַאפְּט – און הָאט תֵּיכֶף אַ קוּק גֶעטָאן אוֹיף דֶעם 'בְּלֶעטְל' װָאס סְ'הָאט אוֹיף אִים מֵגִין גֶעװֶוען, פוּן אַ װָאסֶערֶע 'נִימוּס' פוּן אַ װָאסֶערֶע 'אוּמָּה' דָאס אִיז.

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז סְ'שְׁטֵייט דָארְט דֶער 'נִימוּס' פוּן 'אִידְן'!

הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם 'בְּלֶעטְל', מִיט דֶעם 'אֱמֶת' [אֱמֶת'ן בְּלִיק] – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] 'אֱמֶת' [אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ].

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעװֶוען: "[אַז] עֶר װֶועט שׁוֹין בְּװַודַאי זַיין אַ 'אִיד'! – נָאר װָאס טוּט מֶען, אַז מֶען זָאל דִי 'גַאנְצֶע װֶועלְט' מַחֲזִיר־לְמוּטָב זַיין, מֶען זָאל זֵיי אַלֶע בְּרֶענְגֶען צוּם 'אֱמֶת'"?

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעװֶוען: "עֶר װֶועט פָארְן

זוּכְן אַ 'חָכָם' – וָואס עֶר זָאל אִים 'פּוֹתֵר־חָלוֹם' זַיין כַּהֲוָויָיתוֹ" (דְהַיְינוּ: עֶר זָאל אִים בַּאשֵׁיידְן דֶעם 'חָלוֹם', פּוּנְקְט אַזוֹי־וִוי עֶר אִיז).

אוּן עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען 'צְוֵויי מֶענְטְשְׁן' – אוּן אִיז גֶעפָּארְן אוֹיף דֶער 'וֶועלְט' – נִישְׁט אַזוֹי־וִוי אַ 'מֶלֶךְ', נָאר וִוי אַ 'פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשׁ'.

אוּן אִיז גֶעפָּארְן פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער – אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט: "וִוי גֶעפִינְט מֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם', וָואס עֶר זָאל 'פּוֹתֵר־חָלוֹם' זַיין כַּהֲוָויָיתוֹ"?

הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "אַז דָארְט אוּן דָארְט, גֶעפִינְט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חָכָם'"!

אִיז עֶר גֶעפָּארְן אַהִין – אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם 'חָכָם' – אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דֶעם 'אֱמֶת': "אַז עֶר אִיז אַ 'מֶלֶךְ', אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶענוּמֶען [אַיינְגֶענוּמֶען] 'מִלְחָמוֹת' – אוּן דִי גַאנְצֶע 'מַעֲשֶׂה' וָואס סֶע [ס'אִיז] גֶעוֶוען, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]"! – אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל אִים 'פּוֹתֵר־חָלוֹם' זַיין".

הָאט אִים דֶער 'חָכָם' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ אַלֵיין קֶען נִישְׁט 'פּוֹתֵר' זַיין [בַּאשֵׁיידְן] – נָאר ס'פַארְהַאנְדְן אַ [גֶעוִויסֶע] צַייט, אִין־דֶעם אִין־דֶעם 'טָאג', אוּן אִין־דֶעם אִין־דֶעם 'חוֹדֶשׁ' – דֶעמָאלְט נֶעם אִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף], אַלֶע 'סַמָנֵי־הַקְטוֹרֶת' (כְּלוֹמַר: אַלֶע 'קְרֵייטֶעכְצֶער' [גֶעוִוירְצְן] וָואס פוּן זֵיי פְלֶעגְט מֶען מַאכְן 'קְטוֹרֶת') – אוּן אִיךְ מַאךְ פוּן זֵיי אַ 'מוּרְכָּב' (כְּלוֹמַר: עֶר מִישְׁט זֵיי אוֹיס אִינְאֵיינֶעם) – אוּן מ'רֵייכֶערְט דֶעם 'מֶענְטְשְׁן' מִיט דִי 'קְטוֹרֶת' – אוּן דֶער 'מֶענְטְשׁ' הָאט אִינְזִין וָואס עֶר ווִיל זֶעהְן, אוּן וָואס עֶר ווִיל ווִיסְן – וֵוייסְט עֶר דֶעמָאלְס אַלְדִינְג [אַלֶעס]".

הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "אַז עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין יָא אַזוֹיפִיל צַייט דֶערוֹיף פַארְבְּרַאכְט [פַארְבְּרֶענְגְט] – וֶועט עֶר נָאךְ וַוארְטְן בִּיז 'דֶעם טָאג' אוּן 'דֶעם חוֹדֶשׁ' (וָואס דֶער 'חָכָם' הָאט אִים גֶעזָאגְט)"!

ס'גֶעקוּמֶען דֶער 'טָאג' – הָאט אִים דֶער 'חָכָם' אַזוֹי גֶעטָאן – אוּן הָאט אִים גֶערֵייכֶערְט מִיט דִי 'קְטוֹרֶת'.

הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן: אֲפִילוּ וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ נָאךְ גֶעטָאן, אֵיי [אֵיידֶער] עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דִי 'נְשָׁמָה' אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בָּעוֹלָם־הָעֶלְיוֹן (כְּלוֹמַר: אוֹיף 'יֶענֶער־וֶועלְט').

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: וִוי מְ'הָאט זַיין 'נְשָׁמָה' גֶעפִירְט, דוּרְךְ אַלֶע וֶועלְטְן – אוּן מְ'הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "וֶוער סְ'הָאט עֶפֶּעס 'מְלַמֵד־חוֹב' צוּ זַיין (כְּלוֹמַר: צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס) אוֹיף דֶער 'נְשָׁמָה' – זָאל עֶר קוּמֶען"! הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעפוּנֶען וָואס עֶר זָאל 'מְלַמֵד־חוֹב' זַיין.

דֶערְוַוייל אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען – אוּן אִיז גֶעלָאפְן – אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, הֶער צוּ מַיין גֶעבֶּעט – אַז [אוֹיבּ] דֶער וֶועט קוּמֶען אוֹיף 'דֶער־וֶועלְט', וָואס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין צוּטָאן, אוּן נָאךְ [צוּלִיבּ] וָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן".

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'סַמֶ"ךְ־מֶ"ם' (כְּלוֹמַר: דֶער וָואס הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן – דָאס אִיז דֶער 'סַמֶ"ךְ־מֶ"ם' אַלֵיין גֶעוֶוען – עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אַז [אוֹיבּ] דִי 'נְשָׁמָה' וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אִין 'דֶער־וֶועלְט' אַרַיין – הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט [וָואס] צוּטָאן").

הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי [דָאזִיגֶע] 'נְשָׁמָה', מוּז אַרָאפְּגֵיין אוֹיף 'דֶער־וֶועלְט' – אוּן דוּ, גֶעבּ דִיר אַ 'עֵצָה'"!

אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט דָאס גֶעשְׁרִיגְן [דֶער 'סַמֶ"ךְ־מֶ"ם'])!

הָאט מֶען וַוייטֶער דִי 'נְשָׁמָה' גֶעפִירְט דוּרְךְ 'עוֹלָמוֹת' (כְּלוֹמַר: וֶועלְטְן) – בִּיז מְ'הָאט דִי 'נְשָׁמָה' שׁוֹין גֶעבְּרַאכְט, צוּם 'בֵּית־דִין שֶׁל מַעְלָה' – כְּדֵי מְ'זָאל זִי שׁוֹין בַּאשְׁוֶוערְן – כְּדֵי זִי זָאל שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין אוֹיף 'דֶער־וֶועלְט' [ווי דִי גְמָרָא זָאגְט אִין נִדָּה דַף ל:, "אַז מֶען בַּאשְׁוֶוערְט דִי 'נְשָׁמָה' פַּארְן אַרָאפְּקוּמֶען"] – אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען (דְהַיְינוּ: דֶער 'סַמֶ"ךְ־מֶ"ם' וָואס הָאט פְרִיעֶר גֶעשְׁרִיגְן – אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען).

הָאט מֶען נָאךְ אִים גֶעשִׁיקְט אַ 'שָׁלִיחַ' – אִיז עֶר גֶעקוּמֶען! אוּן הָאט מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], אַ 'אַלְטִיטְשְׁקְן' אַ 'אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם' – וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט מִיט אִים פוּן לַאנְג (דְהַיְינוּ: דֶער 'בַּעַל־דָבָר', הָאט זִיךְ מִיט דֶעם 'אַלְטְן', גֶעקֶענְט פוּן לַאנְג).

אוּן עֶר [דֶער 'בַּעַל־דָבָר] הָאט גֶעלַאכְט – אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין אַ 'עֵצָה' גֶעגֶעבְּן – דִי 'נְשָׁמָה' מֶעג שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין אוֹיף 'דֶער־וֶועלְט'"! הָאט מֶען גֶעלָאזְט דִי 'נְשָׁמָה' – אִיז זִי אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אוֹיף 'דֶער־וֶועלְט'!

אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'מֶלֶךְ'): וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן], מִתְּחִלָּה וְעַד סוֹף [פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף] – אוּן וִוי [וִויאַזוֹי] עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ 'מֶלֶךְ' – אוּן דִי 'מִלְחָמוֹת' וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט וְכוּ'.

אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען 'שְׁבוּיִים' [גֶעפַאנְגֶענֶע] – אוּן צְוִוישְׁן דִי 'שְׁבוּיִים', אִיז גֶעוֶועזְן אַ 'יְפַת־תֹּאַר', וָואס זִי הָאט גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'חֵן' פוּן דֶער וֶועלְט – נָאר דֶער 'חֵן' אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן פוּן אִיר אַלֵיין – נָאר סְ'הָאט אוֹיף אִיר גֶעהָאנְגֶען אַ 'דוּמִיט' [דִימַאנְט] – אוּן דֶער 'דוּמִיט' הָאט גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'חֵן' – אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, אַז זִי הָאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'חֵן'.

אוּן אוֹיף דֶעם 'בַּארְג' – קֶענֶען מֶער נִישְׁט קוּמֶען, נָאר 'חֲכָמִים' אוּן 'עֲשִׁירִים' וְכוּ'.

(אוּן וַוייטֶער הָאט עֶר [רַבֵּינוּ ז"ל] נִישְׁט דֶערְצֵיילְט)!

אוּן סֶע [סְ'אִיז] נָאךְ דָא זֵייעֶר אַסַאךְ דֶערִינֶען!

(דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט מִיט דִי 'שְׁבוּיִים' – דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן גוּט, אַזוֹי־וִוי עֶר [רַבֵּינוּ ז"ל] הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט)!

"מִזְמוֹר לְדָוִד בְּבָרְחוֹ וְכוּ'. ה' מָה רַבּוּ צָרָי רַבִּים קָמִים עָלָי. וְאַתָּה ה' מָגֵן בַּעֲדִי, כְּבוֹדִי וּמֵרִים רֹאשִׁי וְכוּ'" [תְּהִלִּים ג, א־ב־ד] – פַּארְטַייטְשׁ גוּט דָאס גַאנְצֶע 'קַאפִּיטְל' – אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט – וֶועסְטוּ זֶעהְן וִויאַזוֹי דָארְט אִיז מְרוּמָּז דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה [זֶעה מֶער בַּאֲרִיכוּת אִין דִי 'לְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ'דִיגֶע', דִי 'רְמָזִים' פוּנֶעם דָאזִיגְן קַאפִּיטְל].

## דֶער אוֹיסְפִּיר פוּן דִי מַעֲשֶׂה – בַּיי דִי לָשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ'דִיגֶע

שְׁטֵיי אוּן קְלֶער אַריין דִי דָאזִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן – אוֹיבּ דוּ בִּיזְט אַ 'בַּעַל־נֶפֶשׁ', בְּלַייבּ שְׁטֵיין פַארְצִיטֶערְט אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט – זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי הָאר פוּן דַיין קָאפּ, אוּן פַארְוואוּנְדֶער זִיךְ אִין דִי דָאזִיגֶע זַאכְן, וָואס שְׁטֵייעֶן אִין דִי הֶעכְסְטֶע הִימְלְן.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די זיבעטע מעשה - דער פליג און דער שפין (2)

**א.** וואס האט פאסירט מיט ווער עס איז געגאנגען אויף די גראז וואס פירט ארויף צום בארג?
- ☐ עס איז אים אראפ געפאלן אלע ציינער.
- ☐ ער האט נישט געקענט הערן
- ☐ ער האט נישט געקענט גיין

**ב.** וואס פארא בלאט האט געהיטן אויפן מלך?
- ☐ פון דעם טערק .
- ☐ פון די אידן.
- ☐ פון די זיבעציג פעלקער.

**ג.** מיט וויפל מענטשן איז דער מלך געגאנגען זוכן דעם חכם ?
- ☐ מיט צוויי מענטשן.
- ☐ מיט א גאנצער מנין.
- ☐ אליין.

**ד.** וואס האט דער ס"מ געשריגן?
- ☐ אז די נשמה וועט קומען אויף די וועלט, וואס האב איך שוין צו טאן.
- ☐ ער זאל אראפ גיין אויף די וועלט.
- ☐ ראטעווע מיר.

**ה.** ווען האט דער ס"מ מיט געברענגט?
- ☐ ער איז געקומען אליין.
- ☐ א אלטער מענטש
- ☐ א אלטער איינגעבויגענער מענטש.

**ו.** וואס האט דער ס"מ געטאן?
- ☐ געוויינט.
- ☐ געלאכט.
- ☐ געטאנצט.

**ז.** צום סוף איז די נשמה אראפ אויף די וועלט?
- ☐ ניין.
- ☐ יא.
- ☐ עס האט זיך אפגעהאלטן.

**ח.** ווער איז געווען צווישן די שבוים וואס דער מלך האט געפאנגען?
- ☐ א אלטער.
- ☐ א אינגל.
- ☐ א יפת תואר.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

### טיפער געטראכט



**ווער איז געלאפן? ווער האט געשריגן? ווער איז זיך אוועק געגאנגען?**

**ווער האט געלאכט?**

**תשובות אויף די מעשה 'דער פליג און דער שפין' (1)**

**ביי וועלכע מעשה נאך, ווערט דערמאנט די ווערטער "גיוואלד גיוואלד" ? מעשה ח', דער רב און דער בן יחיד**

**דער געווינער אויף פרשת מקץ איז הילד החשוב יום טוב שפירא, מודיעין עילית**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

## דֶער רוֹיבֶּער אוּן דֶער הִיטְל

דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶעם מָשָׁל. עֶס וֶוערְט פַארְצֵיילְט פוּן אֵיינֶעם אַ מֶענְטְשׁ - מִיר וֶועל אִים רוּפְן בֶּענְדִיט, וָואס אַ רוֹיבֶּער הָאט אִים בַּאגֶעגְנְט אוּן אִים גֶעוָואלְט בַּארוֹיבְּן, דֶער גַזְלָן פְרֶעגְט אִים: "דוּ הָאסְטוּ גֶעלְט אוֹיף דִיר?" עֶנְטְפֶערְט בֶּענְדִיט: יָא, אִיךְ פַארְמָאג, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אָן קֵיין צְוֵוייפְל, אַבִּי זָאלְסְט מִיר שֶׁענְקֶען מַיין לֶעבְּן!"

דֶער גַזְלָן הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֶּעט אוּן אִים בַּארוֹיבְּט. וֶוען דִי גְנֵבָה אִיז פַארְטִיג גֶעוָוארְן, זָאגְט בֶּענְדִיט צוּם רוֹיבֶּער: "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ יֶעצְט אַהֵיימְקוּמֶען אָן קֵיין אֵיין גְרַאצֶער? אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, וִוי קֶען אִיךְ קוּמֶען אוּן זִיךְ בַּאוַוייזְן פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט? דֶערִיבֶּער, בֶּעט אִיךְ דִיר אַ גֶענַאדֶע, שִׁיס אַרַיין מִיט דַיין בִּיקְס אִין מַיין קַאפֶּעלוּטשׁ, אַזוֹי וֶועט זִיךְ אָנְזֶען אַז אַ רוֹיבֶּער הָאט מִיר בַּאגֶעגְנְט. שְׁפֶּעטֶער הָאט בֶּענְדִיט אִים גֶעבֶּעטְן אַרַיינְשִׁיסְן אִין נָאךְ עֶטְלִיכֶע פְלֶעצֶער, וֶוען דֶער רוֹיבֶּער פָּאלְגְט וִוי אַ טַאטֶעלֶע.

נָאכְן בַּאשִׁיסְן זַיין הִיט אוּן קְלֵיידֶער, רוּפְט זִיךְ דֶער רוֹיבֶּער אָן: "אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין קוֹיל [פִּילְוֶוער] צוּ שִׁיסְן. וִוי נָאר דֶער רוֹיבֶּער הָאט צוּאוִויסְן גֶעלָאזְט אַז מֶער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין קוֹיל צוּ שִׁיסְן, רוּפְט זִיךְ אָן בֶּענְדִיט: "הָא, דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין קוֹילְן, קוּם אַהֶער!!

בֶּענְדִיט כַאפְּט אִים בַּיים גֶענַאק, אוּן שְׁרַייט הוֹיךְ פַאר הִילְף, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּערְן רוֹיבֶּער אִין אִים בַּאזִיגְט.

דֶער נִמְשַׁל אִיז: עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיסֶע חֲכָמִים, זֵיי פְלֶעגְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶערְצֵיילְן נַארִישֶׁע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין זֵייעֶרֶע בִּיכֶער, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "גַאנְץ בְּקָרוֹב וֶועט זִיךְ אַלֶעס עֶנְדִיגְן בַּיי זֵיי, שְׁנֶעל אוּן גֶעשְׁוִוינְד וֶועלְן זֵיי מֶער נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן.

